NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03578

ELYE-LUK-AYE, ODER, DI ZIBEN TEG FUN VOKH

H. C. Andersen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „מעשה׳לעך״.

ארויסגעבער מ. בירנבוים, און קאמפ.

ג. אנדערסען,

24
1034

אליע־לוק־איע.

(אדער די זיבען טעג פון וואך.)

ווארשא, 1914.

צִי קאָנט איהר נישט, קינדער, אַליע=לוק=אַיע? דאָס איז א וואונדערליכער מענש, און מַעֲשֶׂה׳לעך קאָן ער אָהן א שִׁיעוּר, שעֶנע, גוטע, ליעבע מַעֲשֶׂה׳לעך.

אלע אָוועֶנד, ווען קינדער זיצען רוהיג ביים טיש, שוין געגעסען און געטרונקען, בעווייזט זיך זאכט און פאמעלעך אַליע=לוק=אַיע.

קוים וואָס מען בעמערקט זיין בעוועגונג, קוים וואָס מען הערט זיינע טריט. ער גַנְבֶ׳עט זיך שטיל ווי א שאָטען און בלאָזט פון הינטען די קינדער אין די קעפּלעך אריין...

לְמַאי טהוט ער עס? דער גוטער אַליע=לוק=אַיע וויל, אז די קינדער זאָלען זיך אויפהויבען פון די ערטער, צעוואשען די פְּנִימְ׳לעך און הענדטלעך

און לעגען זיך אין בעטיל. דעמאָלט וועט ער דער־
צעהלען אשען מַעֲשֶׂה׳לע. די קינדער וועלען הע־
רען דאָס דאָזיגע מַעֲשֶׂה׳לע און אַ זיסער שלאָף
וועט זיי איינוויעגען. ווערען די קינדער איינגע־
שלאָפען מיט א שמייכעל אויף די ליפען און גאָל־
דענע חֲלוֹמוֹת זעהען זיי אין שלאָף.

אָליע־לוק־אָיע קומט נישט צו שלעכטע קינדער.
שלעכטע קינדער האָט ער פיינט. און וויינען קאָן ער
גאָר נישט הערען — ער אנטלויפט אָהן רויש פון
וויינענדיגע קינדער און קומט מעהר קיינמאָל נישט
צו זיי.

וויינענדיגע קינדער זעהען שוין קיינמאָל נישט
מעהר אָליע־לוק־אָיע...

געווען אָבער אַ שטיל פערקלערט יונגעלע
חַיִים׳ל, וואָס האָט זעלטען געוויינט, וואָס האָט ליעב
געהאט דעם הימעל און די שוועלבעלעך, וואָס
פליהען זומער, פארנאכט, אונטער הימעל. און דעם
וואלד, וואָס ביים שטעדטיל, און דאָס טייבעל, וואָס

בײַם קרעטשמע און די ברייטע גרינע פרײַע פעלדער וואָס ליגען הינטער די שמאָלע געסלעך, און שײנע ליעבע מַעֲשֶׂה׳לעך.

— מאמע, — פלעגט ער בעטען פארנאכט, בְּעֵת די זון פלעגט ארויטע נידערן בײַם עק הימעל, — דערצעהל מיר א מַעֲשֶׂה׳לע... אויב דו האָסט קײן צײט ניט, איז חאָטש א קלײן מַעֲשֶׂה׳לע, מאמע.

און אײנמאָל, פארנאכט, איז חַיִים׳ל געזעסען בײַם פענסטער און געקוקט אויף דער רויטער זון. בײַטאָג איז ער געווען אין חֵדֶר און אין גאס און בײַם טײַכעל און מיט קינדער געשפּיעלט, און איצט האָט ער געוואַרט אויף א מַעֲשֶׂה׳לע. באלד האָט ער בע־דארפט געהן שלאָפען, און די מאמע האָט אלץ קײן צײַט נישט געהאט צו דערצעהלען. זיצט ער און דערצעהלט זיך אלײן איבער א לאנג־געהערט מַעֲשֶׂה׳לע און קוקט אויף דער זון, וואָס ווערט נידריגער און ברוינער און דונקעלער. פלוצלונג דערהערט ער, ווי מען רופט איהם זעהר שטיל בײַם

נאָמען, אזוי שטיל ווי דער שאָרך פון א זומער־ווינדטעלע:

— חַיִים׳ל?...

און דערביי א בלאָז אין די הערלעך פון קאָפּ.

דערנאָך עטוואָס העכער:

— חַיִים׳ל, א מַעֲשֶׂה׳לע ווילסטו?

דאָס איז געווען אֵליע־לוק־אָיע.

— חַיִים׳ל, האָט ער נאָכאמאָל געזאָגט — איך וועל דיר דערצעהלען שעֶנע מַעֲשֶׂה׳לעך, און איך האָב דיך ליעב...

אֵליע־לוק־אָיע האָט זיך פונאנדערגעלאכט שטיל און ווייך, ווי א הארציגער אלטער זיידע.

חַיִים׳ל האָט זיך האסטיג אָבגעקעהרט און צוגעקוקט. געשטאנען איז אֵליע־לוק־אָיע נעבען איהם מיט א לאנגער ווייסער באָרד, אין רויטע ברייטע קליידער, מיט גוטע לאכענדיגע אויגען און אין די הענד האָט ער געהאלטען צאצקעס:

פערדעלעך און קעצעלעך און הינטעלעך און פידעלעך און שיפעלעך און זייגערלעך, און פון א ברייטער קעשענע האט איהם ארויסגעקוקט א קאפ פון א גרויסען פויגעל מיט א פערקרימטען שנאבעל.

אליע-לוק-איע האט א טרויכעל געטהאן מיט דער לאנגער ווייסער בארד, א קנאק געגעבען מיט די צאצקעס, זיינע אויגען האבען געלאכט און ער איז זאכט און ווייך פערשוואונדען געווארען.

די זון איז שוין לאנג פערגאנגען, און אויפ'ן הימעל האבען ארומגעטאנצט טויזענדער שטע-רענדלעך, ווי קליינע גאלדענע פויגעלעך אויף א ברייטען גרינעם בוים.

אין דרויסען איז געווען רוהיג און שטיל. אין די ווייטע אנטקעגענדיגע פענסטער האבען גע-בלישטשעט פייערלעך. אלע קינדער שלאפען שוין, און חיים'ל איז אהן א מעשה'לע אוועק צום בעטעל אויך שלאפען.

נאָר אז ער האָט זיך איבערגעקעהרט צום וואנד און טיעף איינגענורעט דעם קאָפּ אין קי־שען, איז איהם געקומען פאר די אויגען אָליע־לוק־אָיע, א לאַכענדיגער, מיט א ווייסע באָרד, מיט א סך צאצקעס אין די הענד, און פון א קעשענע האָט איהם ארויסגעקוקט א קאָפּ פון א פויגעל.

איינגעשלאָפען האָט חַיִים׳ל רוהיג און זיס.

צומאָרגענס איז טאקי געווען פרייטאָג, און אָליע־לוק־אָיע איז געקומען נאָך וועטשערע. עס האָבען אויסגעברענט די ליכט אין די לייכטער, אויפ׳ן טיש איז געלעגען א ווייסער סערוועט, טאַ־טע־און־מאמע זענען אריין צו א שְׁכֵנָה און חַיִים׳ל איז געלעגען אין בעט.

אָליע־לוק־אָיע האָט געשמייכעלט, ווי נעכטען, די הענד — פול מיט צאצקעס, פון קעשענע קוקט דער פויגעל, נאָר הויזען האָט אָליע־לוק־אָיע גע־טראָגען בלויע. ער האָט אויסגעלעגט די צאצקעס

אויפ׳ן בעט, דערביי זיך אנידערגעזעצט, א בלאָז געטהאָן חַיִים׳לען איבער׳ן קעפּיל, זיך פונאנדערגעלאכט אָהן א שום קלאנג און ארומגעקוקט זיך.

— חַיִים׳ל! — האָט זיך אֶליע־לוק־אָיע פלוצלונג אויפגעהויבען און א טאנץ געטהאָן — חַיִים׳ל, זיעבען טעג איז דאָ אין דער וואָך. וועסטו האָבען זיעבען מַעֲשֶׂה׳לעך א וואָך. יעדען טאָג א מַעֲשֶׂה׳לע. היינט — די ערשטע.

פרייטאָג.

— טאָ הער־זשע, חַיִים׳ל! נאָר ווארט א ווײַלע: איך וועל מיך א ביסעל דורכשפּרײַזען איבער׳ן צימער.

אֶליע־לוק־אָיע האָט זיך אומגעדרעהט מיט׳ן פָּנִים צום טהיר, געמאכט א פּאָר טריט און פון ווײַסען סערוועט, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן

טיש, האָבען זיך פּלוצלונג אויפגעהובען צוויי
שוואַרצע העהנער, מיט רויטע גראָבע קאַמען,
א פּאָך געטהאָן מיט די פליעגלען און אוועק-
געפלויגען. דערנאָך זענען פון די ווענד געוואָ-
רען בלומען, פון באלקען ראָזע וואָלקענדלעך,
פון די לייכטער — מַלְאָכִים'לעך און פון א
בענקעל איז אויסגעוואקסען א הויכער בוים מיט
גאָלדענע עפּיל. די גאָלדענע עפּיל האָבען גע-
וונגען. פּלוצלונג האָט עמיץ אין קאַמאַר גענו-
מען וויינען הויך אויפ'ן קול. אין קאַמאַר זע-
נען קיין קינדער נישט געווען. דאָרט איז נאָר
געלעגען חַיִים'לס חומש און עטליכע בויגע-
לעך פּאַפּיר, וואָס ער האָט געשריבען פאַר'ן
לעהרער.

— וואָס איז דאָס, הא? — האָט זיך א חאַפּ
געטהאָן אָליע-לוק-אָיע און אַרויסגערוקט א שופ-
לאָד פון קאַמאָד, — ווער וויינט עס?

געוויינט האָבען עס פְּשוּט חַיִים'לס בוי-

געלעך פאפיר צוליעב א גרײַז, וואָס חַי׳ים׳ל
האָט דאָרטען בײַטאָג אַרײַנגעשריבען. די בוי־
געלעך פאפיר האָבען געוואָלט פעררריכטען דעם
גרײַז און נישט געקאָנט. האָבען זיי געוויינט,
געשפּרונגען אין שופלאָד, זיך אָנגעשלאָגען איינע
אָן די אַנדערע און געגאָסען טײַכען טרעהרען.
זיי איז נישט אָנגעשטאַנען דער גרײַז און זיי האָ־
בען זיך געשעמט.

דערנאָך האָבען זיך גענומען די עטליכע
בויגעלעך פאפיר שרעקליך פּאַטשען צווישען זיך
און הויך אויפ׳ן קול געשריען:

— נעהם־צו פון מיר דעם גרײַז, איך קאָן
נישט אויסהאַלטען!! אוי, דער גרײַז!

— מײַן גרײַז איז נאָך אַ׳ערגערער! — האָט
קוויטשיג געשריען א צווייט בויגעלע פאפיר.

— שאַט זאָל זײַן! — האָט זיך ווידער א
חאַפּ געטהאָן אֵליע־לוק־אָיע מיט א פרעהליכען קול
און די ברייטע בלויע דינע הויזען מיט דער

לאנגער ווײַסער באָרד האָבען זיך איהם גע־טרייסעלט — וואָס איז דאָ פאר א געוויין וועגען גרײַזען! ווער האָט געמאכט די גרײַזען, דו, חַיִם׳ל? וועסטו פעררירכטען זונטאָג. הײַנט איז פרײַטאָג־צו־נאכט. שאט זאָל זײַן! פרײַטאָג־צו־נאכט דארף מען זײַן פרעהליך. שטעלט זיך אוים אין איין שוּרָה, בוינעלעך פאפיר, גיט זיך א נויג און זאָגט: גוט־שַׁבָּת! זונטאָג, חַיִם׳ל זאָלסטו אונז פעררירכטען.

באלד איז געוואָרען שטיל. די בוינעלעך פאפיר האָבען געפאָלגט, זיך אויסגעשטעלט אין איין שוּרָה, א נויג געטהאָן זיך און פרעהליך ארויסגעזאָגט:

— גוט שַׁבָּת, חיים׳ל! זונטאָג זאָלסטו אונז פעררירכטען! איצט געהען מיר שלאָפען.

זיי האָבען זיך נאָך אמאָל א נויג געטהאָן און גלײַך זיך אויסגעלעגט שלאָפען אין שופלאָד.

אָליע־לוק־אָיע האָט זיך פונאנדערגעלאכט,

א טאנץ געטהאָן אין די בלויע ברייטע הייזען און זיך אָנגעבויגען צו חַיִם'לען:

— געפעלט דיר, חַיִם'ל? גוט, הא?

חַיִם'ל האָט צוגעמאכט די אויגען פון תַּעֲנוּג: אזוינס האָט ער נאָך קיינמאָל נישט איבערגע־לעבט. בלומען, מַלְאָכִים'לעך, העהנער, גאָל־דענע עפיל, וויינענדיגע בויגעלעך פאפיר און אָליע־לוק־אָיע.

— מיר איז אזוי גוט... — האָט חַיִם'ל אויפ־געריסען ברייט די אויגעלעך צו די וואָלקענדלעך פון באלקען, — אָליע־לוק־אָיע, מיר איז זעהר גוט... זעהר...

די וואָלקענדלעך האָבען וויַיך געשוועבט אונטער באלקען און אָפט האָט זיך געביטען זייער קאָליר: דאָ זענען זיי געווען רויט און דאָ וויַיס, דאָ גרין און דאָ בלוי. צוויִשענוויַיס האָט זיך חַיִם'לען געדאכט, אז זיי נידערן פון אויבען צו זיַין בעקיל, כאמעטענע, ווארימע

און שמייכלענדיגע...

— אָליע־לוק־אָיע, מיר איז זעהר גוט... — האָט חַיִּים׳ל אלץ גע׳טַעֲנה׳עט מיט ברייט־אויפ־געריסענע אויגעלעך.

און לאנג האָט זיך עס געצויגען: עס שוועבען די וואָלקענדלעך, עס זינגען די גאָלדענע עפּיל אויפ׳ן הויכען עפּעלבוים, די מַלְאָכִים דרעהען זיך און פּאָכען מיט שניי־ווייסע פליגעלען, פון די בלומען־ווענד טריפט א מְחַיֶה׳דיגער רֵיחַ און אָליע־לוק־אָיע געהט ארום אהין־און־צוריק איבער׳ן צימער און בעוועגט מיט די הענד.

— חַיִּים׳ל, — האָט ער זיך פּלוצלונג צו־געשטעלט, ווען עס איז שוין געוואָרען שפּעט. — חַיִּים׳ל, פאר היינט וועט זיין גענוג. איך האָב דיר געוואָלט דערצעהלען א שען מַעֲשֶׂה׳לע, איז שוין שפּעט. ווילסטו דען א מַעֲשֶׂה׳לע?

חַיִּים׳ל האָט שוין נישט בעדארפט היינט

קײן מַעֲשֶׂה'לע. איהם איז געװעז אזױ פֿרעה־לעך.

— נײן, — האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

אָליע־לוק־אָיע האָט א טאנץ געטהאָן, א בלאָז געגעבען אין חַיִּים'לס העהרלעך, און מעהר געדענקט נישט חַיִּים'ל: ער איז באלד אײַנגעשלאָפֿען.

אויף מאָרגען איז געװעזן שַׁבָּת. אויפֿ'ן טיש זענען געלעגען געלע חַלוֹת מיט קאלטע פֿיש, דער טאטע איז געזעסען אױבענאָן, די מאמע האָט געהײסען דער דינסט דערלאנגען דעם צימעס און די שטוב האָט אויסגעזעהען, װי אלעמאָל.

— װאו איז אָליע־לוק־אָיע, װאו זענען די גאָלדענע עפּיל, די מְחַיֶה'דיגע װאָלקענדלעך און די מַלְאָכִים? — האָט חַיִּים'ל געפרעגט בײַ זיך אין הארצען און א בענקעניש איז איהם בעפֿאלען ביז טרעהרען.

ער האָט אָבער נישט געוויינט. אָליע=לוק=
אָיע האָט פֿײַנט וויינענדיגע קינדער. און חַיִים׳ל
האָט געווארט אויף איהם.

שַׁבָּת=צו=נאַכט.

א גאנץ שַׁבָּת האָט חַיִים׳ל געווארט, און אז אָליע=לוק=אָיע איז נישט געקומען, איז זיך חַיִים׳ל געגאנגען לעגען שלאָפען אנ׳אומעטיגער.

ער האָט צעוואשען די הענדטלעך, אויס=געטהאָן די בְּגָדִים׳לעך און ארײַנגעלעגט זיך אין בעטיל. דער טאטע האָט שוין לאנג גע=מאכט הַבְדָּלָה און אוועק עפענען די קראָם, די מאמע איז ערגיץ אוועקגעגאנגען, אין שטוב איז געווען שטיל און חַיִים׳ל האָט דאָך נישט געקאָנט אײַנשלאָפען.

נאָר אָט האָט זיך שטיל, ווי גע׳גַנְבֶ׳עט, בעוויזען אָליע=לוק=אָיע אין ברייטע דינע ווײַסע

הייזען מיט שווארצע פאסען, מיט א הויכער מיץ אויפ'ן קאָפּ, א שטיל-לאכענדיגער, מיט ציט-ריגע צובלאָזענע אקסלען און מיט גרויסע גו-טע שווארצע אויגען אויפ'ן קיילעכדיגען פּנים.

— חַיִים'ל, דיר איז אומעטיג? — האָט ער זיך אָנגעבויגט צו חַיִים'לען מיט ווארימע בלי-קען — איך וועל דיר דערצעהלען א מַעֲשֶׂה'לע מיט א בער און א קאץ...

נאָר פלוצלונג האָט זיך אָליע-לוק-אָיע אַדרעה געגעבען איבער'ן צימער, א מאך געטהאָן אין לופטען מיט א שטעקעלע — און עס האָט אָנ-געהויבען לויפען דער טיש מיט די שטוהלען און נאָך זיי איז נאָכגעלאָפען די שטוב-בארשט און געוואָלט זיי חאפּען.

— לאָזט מיך — האָט געשריען די שטוב-בארשט — אָט וועל איך זיי געבען פּעטש...

אויפ'ן וואנד איז געהאַנגען א בילד אין א שענער ראהם. אויפ'ן בילד זענען געווען אוים-

געמאָלט בוימער און בלומען און א ברייטער זילבערנער טײַך, וואָס איז מיט ווײַסע קרענצ־לעך שוים ארײַנגעפאלען אין יַם.

בײַם ברעג טײַך האָט זיך געהויבען א נעדיכטער בלויער וואלד, פון וואנען עס האָ־בען ארויסגעקוקט ווײַסע שען־געשניצטע געזימ־סען פון פרעכטיגע פאלאצען. אויף די צוויי־גען פון די הויכע בוימער זענען געזעסען פויגעל.

אָליע־לוק־אָיע האָט א קוק געטהאָן אויפ׳ן בילד, וואָס איז חַיִים׳לען געווען אזוי גוט בע־קאנט — און אין דער אייגענער רֶגַע האָבען גע־נומען זינגען די פויגעל אויף די צווײַגען און איבער׳ן הימעל האָבען זיך א׳ועקגעטראָגען ווײַ־סע ליכטיגע וואָלקענדלעך.

חַיִים׳ל האָט זיך א ציה געטהאָן פונ׳ם בעטיל און אויסגעשטעלט א פּאָר גרויסע פער־וואונדערטע אויגען. אויפ׳ן בילד שפרינגען־אום אֶמֶת׳ע לעבעדיגע פויגעל, און עס שײַנט די זון.

נאָר באַלד חאַפּט אָליע־לוקאָיע חַיִים'לען אויף די הענד און שטעלט איהם אַרײַן אין בילד, אין א גרויסען קוסט פון בלומען. די זון שײַנט חַיִים'לען גלײַך אין די אויגען אַרײַן, און פון די בלומען געהט־אויף א ריח, א מְחַיֶה'דיגער רֵיחַ.

שטעהט א ווײַלע חַיִים'ל צווישען די בלו־מען און לויפט תֵּיכֶף אוועק צום קליינעם שי־פעל, וואָס וויעגט זיך אויפ'ן ברעג טײַך. עס איז א הייסער און א שענער טאָג, און אין קלאָרען וואסער פון טײַך קאָן מען זעהן קליינע זילבערנע פישעלעך, וואָס דרעהען זיך ארום שיפעל.

חַיִים'ל שפּרינגט אַרײַן אין שיפעל און בלײַבט שטעהן א פערגאפטער. די הויכע בוי־מער פון וואלד דערצעהלען זיך מַעֲשֶׂה'ליך פון לייבען און בערען און די קוסטעס בלומען נויגען זיך איינע צו די אנדערע און לאכען.

באלד שווימט אוועק דאָס שיפעל מיט חַיִּים׳לען איבער׳ן גלאטען טייַך און מיט זיי צוזאמען שווימט אויך דער וואלד און די קוסטעס בלומען, און די פישעלעך, און די שמעטערלינגען, וואָס פאָכען אין דער לופט מיט פארביגע סאמעטענע פליגעלעך.

אלע שווימען מיט, מיט חַיִּים׳לען.

נאָר אָט פערדרעהט זיך דער טייַך אין טיעפען וואלד ארייַן. אויפ׳ן ברעג, פון ביידע זייַטען, צווישען זינגענדיגע פויגעל און הויכע בוימער, שטעהען קריסטאָלענע פאלאצען מיט ארויסגערוקטע גאָלדענע באלקאָנען, און אויף די באלקאָנען שטעהען קליינע יונגע מיידעלעך מיט געדיכטע פונאנדערגעפלאָכטענע האָהר און לאכענדיגע, שיטען זיי בלומען מיט ווייַסע קליינע הענדטלעך צו חַיִּים׳לען אין שיפעל אריַין...

— חַיִּים׳ל, עס איז גוט צו פאָהרען, איבער׳ן גלאטען טייַך? — שרייען זיי צו איהם,

— פון וואנען ווייסען זיי מיין נאָמען ? — וואונ־
דערט זיך חַיִים׳ל.

נאָר אָט שטעהען שוין יונגעלעך אויף די גאָלדענע באַלקאָנען. די יונגעלעך טראָגען רויטע בְּגָדִים׳לעך און האלטען שאָקאָלאד אין די הענד.

— חאפ! - שרייען זיי צו חַיִים׳לען און וואַרפען איהם שטיקער שאָקאָלאד אין שיפעל אריין.

ס׳ארא שענע יונגעלעך און ס׳ארא שענע מיידעלעך. און עס זינגען די פויגעל שען, און די בוימער דערצעהלען מַעֲשֶׂה׳לעך און פאַר־ביי די אויגען פאָכען אין דער לופט סאמעטע־נע שמעטערלינגען, און ווייטער אין וואלד טרו־מייטערט א געלער און א גראָבער גוי אויף א טרומייטער און נאָך איהם לויפען נאָך הויכע מאָגערע הינד מיט ארויסגעשטעקטע צינגער, און ביים גוי צום רוקען איז צוגעבונדען א פערבלו־

טיגטער האָז מיט צוצויגענע פּים...

און חַיִים'ל פּאָהרט אַלץ אויפ'ן שיפעל, און דאָס איז אזוי מְחַיֶה'דיג, פּונקט ווי ער וואָלט זיך האַסטיג געגליטשט בארג אַראָב.

אַלע ווײַלע בײַט זיך דער ברעג. אָט איז א שטאָדט אויפ'ן ברעג, און אָט איז א דאָרף און אָט איז א וואלד און אָט איז א פּאלאַץ און אָט איז א ברייט פּעלד מיט גאָלדענע זאנגען.

נאָר עס ווערט שוין נאכט. אויפ'ן הימעל בעווייזען זיך קלײניטשקע בלויע שטערענדלעך, וואָס ווינקען פון אויבען ווי חַבֶר'שע אויגען, און פון ווײַטען רוקט זיך א שווארצער און א שטומער וואלד.

— חַיִים'ל... — דערהערט זיך פּלוצלונג אַליע־לוק־אָיע'ס גוטער ווייכער קול — ווילסט נאָך פּאָהרען ווײַטער? וועט זײַן גענוג פאר היינט. קום אהיים.

און חַיִים׳ל דערזעהט זיך פלוצלונג ביי זיך אין בעטיל און נישט ווייט פון איהם העננט ווי אלע מאל דאָס בילד אין דער גרויסער ראהם. אָבער דאָס בילד איז ווי שטענדיג א פערגליווערטעם און א שטומעס ...

— דערצעהלען דיר דאָס מַעֲשֶׂה׳לע? — בויגט זיך אָן צו חַיִים׳לען אֵלִיעֶ-לוּק-אִיע מיט לאכענדיגע אויגען. — איך וויל דיר דאָך דער-צעהלען מיט א בער און קאַץ ...

— ניין ... — ציהט זיך חַיִים׳ל אויס אין בעטיל — איך האָב איצט געזעהען אזוינע שענע זאכען ... איך וויל איינשלאָפען ... איך בין מיד ...

— וועל איך דיר דערצעהלען מאָרגען — האָט איהם אֵלִיעֶ-לוּק-אִיע א בלאָז געטהאָן אין די העהרלעך, א טאנץ געגעבען אין די ברייטע הויזען און פערשוואונדען געוואָרען.

אין שטוב איז געוואָרען שטיל, וואונדער-

ליך שטיל. עס האָט נאָר געקלאַפּט דער זייגער און חַיִים׳ל האָט צוגעמאכט די אויגען...

זונטאָג.

— ד ו שלאָפסט נאָך נישט? — האָט חַיִים׳ל פלוצלונג דערהערט אֶליע־לוק־אָיע׳ם קול, און באַלד האָט ער דערפיהלט א בלאָז איבער די האָהר, — א מַעֲשֶׂה׳לע וועל איך דיר דערצעהלען... היינט איז זונטאָג — דאָס דריטע מַעֲשֶׂה׳לע...

חַיִים׳ל האָט נאָך נישט געשלאָפען, נאָר די אויגען האָט ער געהאַלטען צוגעמאכט.

איצט, אז ער האָט געעפענט די אויגען, האָט ער דערזעהן אֶליע־לוק־אָיע׳ן נעבען בעטעל, אין א הויכער רויטער מיץ מיט גלעקליך, און אונטער׳ן פענסטער האָבען כוואליעס געררויש. אויף דעם אָרט פון דער גאַס האָט זיך געקוויקעלט א טײַך.

א שיף מיט הויכע שפּיצען און פאָהנעס
האָט זיך זאַכט געוויעגט אנטקעגען פענסטער.

— חַיִים׳ל, לאָמיר זיך ביידע אוועקלאָזען
שטילערהייט אויפ׳ן שיף. ווילסט? — האָט אֶליע־
לוק־אָיע שנעל בעוועגט מיט די הענד און
פיס. — פאר איין נאַכט וועלען מיר אויסזעהן
די גאַנצע וועלט...

נאָר חַיִים׳ל האָט נישט געהאט קיין צייט
צו טראַכטען: פון דער גאס איז געוואָרען א
ברייטער טײַך, די כוואליעס רוישען און וויע־
גען דעם הויכען שיף און ווײַסע לְבָנָה־שטראה־
לען גלעטען דעם שוים פון די כוואליעס.

האָט דען חַיִים׳ל, וואָס צו טראַכטען?

און באלד איז ער געוועזן אויפ׳ן שיף צו־
זאמען מיט אֶליע־לוק־אָיע׳ן.

— פאַהרען מיר! — האָט אֶליע־לוק־אָיע א
וואונק געטהאָן צו איינעם א שווארצען מענשען, וואָס
איז געשטאנען ביי א מאשין מיט גרויסע רעדער.

און קוים האָט זיך די שיף געריהרט פֿון אָרט, איז פֿון דער לְבָנָה תֵּיכֶּף געוואָרען אַ זון און פֿון די נאַכט־וואָלקענס — אַ בלויער הימעל. פֿרעהליך האָבען געטאַנצט די כוואַליעס אַרום שיף און דאָס שטעטל האָט זיך שוין מעהר נישט געזעהן: דורכאויס כוואַליעס און כוואַליעס.

וואו איז דער בֵּית־הַמֶדְרָש? וואו איז דער מאַרק? וואו איז דער מוהמע באַשע'ס שטוב? נישטאָ. וואַסער שוימט און ברומט און שפּיעלט זיך...

— האָסטו ווען געזעהן אַזוי פֿיעל וואַסער?

— האָט אָליע־לוק־אָיע אַ טאַנץ געטאָן מיט די ברייטע הויזען און זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. — נאָר וואוהין פֿאָהרען מיר צוערשט, חַיִם'ל? איך מיין — קיין אַפֿריקאַ. אַ לאַנד אַזאַ... הייס איז דאָרטען און לייבען געהען אַרום. דו האָסט עפּים ליעב אַ לייב?

— יאָ, — האָט חַיִמ'ל צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דאָס איז די סאַמע שטאַרקסטע חַיָה! — האָט אָליע-לוק-אָיע אָנגעבלאָזן די באַקען. — אַז אַ לייב גיט אַ ברום, ציטערט די ערד... אַ לייב קאָן אַ פערד דער'הַרג'ענען... פערשטעהסט?

— אַוַדאַי, אַ לייב איז שטאַרקער... — האָט זיך חַיִמ'ל אָנגענומען מיט אָליע-לוק-אָיע'ס די-בערקייט. — מיר פאָהרען קיין אפריקא?

— מיר פאָהרען! מיר פאָהרען! — האָט אָליע-לוק-אָיע געקלאַפּט מיט די פינגער אויף זיינע ברייטע ליפּען.

דאָס שיף איז שנעל געגאַנגען. הויך זע-נען געשפּרונגען די כוואַליעס, ווייס און ריה-רעוודיג האָט זיך געקרייזעלט דער שוים און זעהן האָט מען נאָר געקאָנט הימעל, זון און וואַסער. הימעל, זון און וואַסער.

נאָר אָט צייכענט זיך אַ ברעג מיט אַ בוים

אין דער ווייטער בלויקייט. דער ברעג ווערט נעהנטער און גרעסער, דער בוים דייטליכער און העכער, און מען קאָן שוין זעהן הויכע גראָזען און קוסטעס.

— אָט דאָ פעראַנקער דאָס שיף — האָט אָליע־לוק־אָיע בעפוילען דעם שווארצען מענ־שען — און מיר וועלען אראָב אויפ׳ן ברעג.

און באלד איז שוין חיים׳ל מיט אָליע־לוק־אָיע׳ן געווען אויפ׳ן ברעג.

אָליע־לוק־אָיע האָט געמאכט ברייטע טריט אין די ברייטע הויזען און די מיץ האָט איהם געטאנצט אויפ׳ן קאָפּ, און חיים׳ל האָט איהם נאָכגעיאָגט מיט דראָבנע טריטעלעך.

געהן איז געווען נישט לייכט: דאָס הויכע גראָז האָט נישט געלאָזט, פערהאלטען דעם פוס.

נאָר אין גיכען זענען זיי געקומען צו א בוים מיט א לייטער, און צו דעם העכסטען

צווײַג פון בוים איז געווען צוגעשמידט א באנק.

— מיר וועלען זיך זעצען אויפ׳ן באנק — האָט אָליע־לוק־אָיע געשווינד א חאַפּ געטהאָן חַיִים׳לם האנד, און באלד זענען ביידע געזעסען אויפ׳ן באנק מיט אראָבגעהאנגענע פיס, און פאר די אויגען האָט זיך געצויגען א הויכער בלויער הימעל און א ברייטע פרײַע ערד.

— עסען! — האָט אָליע־לוק־אָיע גענומען טאַפּען זײַנע הויזען־קעשעניש און ארויסגעשלעפּט פון דאָרטען א גרוים שטיק שאָקאָלאד מיט נים און צוויי קײַלעכיגע לעקאך.

— עס, חַיִים׳ל — האָט ער חַיִים׳לען דערלאנגט א טייל דערפון און אליין גענומען שפּארען אין ברייטען מויל ארײַן שטיקער שאָקאָלאד.— טשאם — טשאם — טשאם... — האָט אָליע־לוק־אָיע הילכיג געקײַט דעם שאָקאָלאד און אומגעשאָקעלט דעם קאָפּ.

חַיִים׳ל האָט נאָכגעטהאָן אָליע־לוק־אָיע׳ן

און געלאכט עסענדיג:

פלוצלונג האָט זיך ז'ערטראָגען א געדיכטער שאַרף און פון הויכען גראָז האָט ארויסגעקוקט דער האָהריגער קאָפּ פון א לייב. די אויגען לײַכטען, ווי בײַ א קאַץ, דאָס מויל אָפען או שיטערע ווײַסע שפּיציגע צייהן...

— דו זעהסט? דו זעהסט? האָט אָליע־לוק־אָיע אָנגעשעפּטשעט הײַמ'לען אויפ'ן אויער און איהם געקלאַפּט מיט'ן עלענבויגען אין זײַט אַרײַן; — א לייב...

צו דעם איינציגען לייב זענען צוגעשפּרונ־גען נאָך דרײַ, און אַלע האָבען גענומען שטי־פען. זיי זענען געשפּרונגען איינע איבער די אנדערע, און פון יעדען שפּרונג האָבען גע־ציטערט די דערבײַאיגע בוימער.

שוין זענען געווען די לייבען מיט די גע־דיכטע האָהר אויפ'ן קאַרק און גוטמוטהיג האָ־בען זיי זיך געשפּיעלט, פּונקט ווי גרויסע

גאָלדענע קעץ מיט לאַנגע עקען. חַיִים׳לען האָט זיך געדאַכט, אַז מען קאָן אַראָפּ פון דער דייך, פון בענקעל, אַראָפּ פּשוט אין גראָז און זיך אויך שפּילען מיט זיי.

אויף די בילדער, וואו חַיִים׳ל האָט זיי געזעהן, האָבען זיי אויסגעוויזען ווילדער, שלעכטער און מְאוּס׳ער.

אויף א קיילעכיגען בערגיל, וואָס איז געווען פערגאָסען מיט זון, האָט זיך פאַמעלעך גערוקט א שאָטען מיט פיער טונקעלע פאַסען און דערנאָך האָט זיך בעוויזען א קאָפּ און א ברייטער זייט פון א חַיָה.

די לייבען האָבען אויפגעהערט צו שפּיעלען, אויפגעשטעלט די אויערן און זיך צוגעהערט מיט אָפענע מיילער, מיט שפּיציגע צייהן און מיט אָטעמדיגע בייכער. און מיט אַמאָל האָבען זיי זיך א ריס געטהאָן פון דער ערד און הענדום-פּענדום, מיט אויפגעהויבענע עקען,

אוועקגעלאָפֿען אהין צו דעם שאָטען פֿון דער חַיָה ...

— קום צום שיף, — האָט אָליע-לוק-אָיע א ציה געטהאָן חַיִים'לען נאָך זיך — מיר האָבען געזעהן לייבען, חַיִים'ל. מיר האָבען געזעהען לייבען ...

אויפֿ'ן שיף איז דער שווארצער מענש געשטאנען ביַים מאשין, און די זון האָט זיך פֿלוצלונג געביטען מיט דער לְבָנָה.

פֿון א וואָלקען איז די ארוים און בלאסע פאסען שטראהלען האָט זי געזייהט איבער די כוואליעס. די שטראהלען האָבען געציטערט, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך געטוליעט צו די כוואליעס.

און פאמעליך האָט זיך דאָס שיף גע-ריהרט פֿון אָרט, און שטארקער, זיכערער איז עס דערנאָך אוועק, בעגאָסען מיט שטראה-לען פֿון דער לְבָנָה און בעזונגען מיט'ן קלאנג

פון די שטילע וואסערן ...

חַיִים׳ל איז געווען מיד.

ער האָט געלעגט זײַן קעפּיל אויף אָליע־לוק־אָיע׳ס קניה און צוגעמאכט די אויגען.

— חַיִים׳ל, — האָט איהם אָליע־לוק־אָיע א בלאָז געטהאָן אין די האָהר — ווילסט שוין שלאָפען? ליעב קינד מײַנס... מאָרגען א נײַ מַעֲשֶׂה׳לע... דרעמיל, דרעמיל, חַיִים׳ל.

אָליע־לוק־אָיע׳ס קניה זענען ווייך און וואַריים, חַיִים׳ל האָט טיעפער אײַנגענורעט דעם קאָפּ און מעהר נישט געהערט אָליע־לוק־אָיע׳ס קול.

אויפגעהאפּט האָט זיך חַיִים׳ל צומאָרגענס בײַ זיך אין בעט...

מאָנטאָג.

הײַנט איז אַליע=לוק=אָיע געקומען גאַנץ פריה, איידער חַיִים׳ל איז נאָך געגאַנגען שלאָ= פען. אין זײַן ברייטער ז.ן, דינער קעשענע פון די הויזען האָט עפּיס געציטערט.

— איך האָב דיר עפּיס געבראכט, חַיִים׳ל— האָט אַליע=לוק=אָיע ברייט א שמייכעל געטהאָן, ווי זײַן שטייגער איז. — טרעף, וואָס?

חַיִים׳ל האָט זיך צוגעריהרט צו אַליע=לוק= אָיע׳ס הענד און איהם טיעף ארײַנגעקוקט אין די אויגען.

— דו קוק נאָר וואָס דאָס איז! — האָט אַליע=לוק=אָיע א טאַנץ געטהאָן מיט איין פוס און ארויסגענומען א מײַזעלע פון קעשענע.

דאָס מײַזעל האָט פרעהליך ארויסגעקוקט מיט צוויי שווארצע אויגלעך און בעוועגט מיט א ווײַסער שיטערער וואָנס.

— דו ווייסט, חַיִמ'ל — האָט אָליִע=לוק=אָיע געלאַכט, — דאָס מײדעל איז געקומען דיך אײנלאַדען אויף איהר חֲתוּנָה. הײנט איז בײ איהר חֲתוּנָה... זי וואוינט בײ אײך אין עסצימער אונטערן פּאָדלאָגע. זעהר א שײנע דִירָה האָט זי.

— אָבער ווי קאָנען מיר ארונטערקריכען אונטער'ן פּאָדלאָגע. דאָרט איז דאָך זעהר אײנג, — האָט חַיִמ'ל נישט פערשטאַנען און געקנײטשט מיט'ן שטערען.

— מיר וועלען ווערען זעהר קלײניטשקע, אזוי ווי די הילצערנע סאָלדאַטעלעך, וואָס זײַן מאַמע האָט דיר נישט לאַנג געקויפט. איך דאַרף נאָר א מאַך טהאָן מיט'ן האַנד.

אָליִע=לוק=אָיע האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ=פינגער, אויסגעשטעלט ברײט די אויגען און א מאַך געטהאָן אין לופטען מיט'ן האַנד.

אין דער מינוט זענען בײדע געוואָרען זעהר

קליינטשקע, פונקט ווי די הילצערנער סאָל־דאטעלעך, וואָס די מאמע האָט חַיִים׳לען גע־קויפט מיט א פּאָר טעג צוריק.

— נו, איצט לאָמיר געהן, — האָט אָליע־לוק־אָיע ארויסגערוקט א קליינטשיק פּיסעל און אלע זענען אוועק צום מײַזעל אויף דער חַתוּנָה.

דורך א שפּאלט זענען זיי ארײַנגעדרונגען אונטער׳ן פּאָדלאָגע און דאָ האָבען זיי דער־זעהן א לאנגען קאָרידאָר מיט צימערן. די צימערן זענען געווען קליינטשקע און גלאטע, און דורך די שמאָלע לעכער פון גאס איז ארײַנגעפאלען דער שײַן פון שטערען, וואָס זענען אויסגעקו־מען ווי ווײַטע־ווײַטע לאמטערנדלעך.

— דאָ איז גוט! — האָט זיך דאָס מײַזעל געקווייקט מיט איהר וואוינונג און זיי געפיהרט ווײַטער — בײַ אונז איז ריין און גלאט, א פערגעניגען!

פון קאָרידאָר זענען זיי אריבער אין זאל פון דער חַתוּנָה. דא זענען געווען גרעסערע

גאָס־רעבער און די שטערען זענען אויסגעקומען נעהנטער און העלער.

דער זאַל איז געווען פול מיט מײַז. הונ־דערטער קלײנע קעפּלעך מיט שיטערע וואָנסען, מיט שווארצע אויגלעך, און הונדערטער עקען. זיי האָבען זיך שנעל בעוועגט, געקראָכען אײנע אויף די אנדערע, געטאַנצט, געדרעהט מיט די עקען און געשריען:

— מזל־טוב! מזל־טוב!

די געסט האָט מען זעהר שען צוגענומען. צוגעשארט צו זיי א קלײן שטײנדעלע אויף צום זיצען, און איין מײַזעל, קאָנטיג, דער כּלה׳ס מוטער, האָט זיי צוגעטראָגען א טרוקען שטי־קעל קעז און געבעטען עסען.

— עסט, עסט, איך בעט אײַך, — האָט זי גערעדט, — הײַנט איז מײַן טאָכטער׳ס חתונה...

נאָך דער חופּה האָט מען זיך געזעצט עסען. געזעצט האָט מען זיך ארום קלײנע

פיערקאַנטיגע שטיינדליך, וואָס האָבן אויסגע־
זעהן ווי טישען. צום עסען האָט מען דער־
לאַנגט: טרוקענע קעז, טרוקען ברויט, געטרי־
קענטע שוואַרצע יאַגדעס, טרוקענע גרויפּען און
פערטריקענטע וואורשט.

אַלע האָבן פרעהליך געגעסען און בעוועגט
מיט די שיטערע וואָנסען.

— ווען איך ברייננ איצט אַ קאַץ, מאַך
איך זיי חרוב די גאַנצע חתונה, — האָט אַלע־
לוק־איע אָנגעשעפּטשעט חַיִים׳לען אויפ׳ן אויער—
נאָר איך וועל דאָס נישט טהאָן די דאָזיגע
מייז זענען גאַנץ וואוילע לייט...

נאָכ׳ן עסען זענען אָנגעקומען מייז פון אַלע
נאָרעס און לעכער. עס איז נישט געווען וואו
צו שטעהן און וואו צו זיצען. קאָפּ אויף קאָפּ.
אַליע־לוק־איע׳ן מיט חַיִים׳לען האָט מען אויך
געבעטען עסען, אָבער זיי האָבן זיך אָבגע־
זאָגט, און איצט האָבן זיי נאָר געקוקט ווי

מען טאנצט. די מײַז האָבען נישט שלעכט גע־טאנצט, נאָר עס האָט זיי שטארק געשטערט די איינגשאפט און די לאנגע עקע.

שפּעטער איז געוואָרען אזוי איינג, אז די מײַז האָבען זיך געמוזט שטעלען איינע אויף די אנדערע. די אונטערשטע האָבען געקוויטשעט און די אויבערשטע האָבען געזונגען און געלאכט און אין מייזען־זאל איז געשטאנען א שרעקליכער גערויש.

פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבען אויף צוויי פיס דעם חתנ׳ס פאָטער, א שווארצע מויז מיט לאנגע וואָנסען.

— די חתונה איז געענדיגט! האָט ער הויך מודיע געווען — דער זאל איז צו־קליין, געסט א סך און דער מומעל גרוים — א קאץ קאָן נאָך דערהערען...

האָבען זיך גענומען די מײַז אויף דער גיך וועגענען און קושען, און אַליע־לוק־איע מיט

חַיִימ׳לען, כאָטש ביידע האָבען זיך נישט גע־
האט וואָס צו שרעקען פאר א קאץ, זענען
שנעל ארוים געקראָכען, פון אונטער דער
פאָדלאָגע אין שטוב אריין. פאר׳ן אוועקגעהן
האָבען זיי זיך נאָר צוזעגענט מיט חָתָן כַּלָּה.
חַיִימ׳לען האָט זיך געדאכט, אז די שטוב איז
גרעסער געוואָרען. ביי די מַיִיז איז אלץ קליין,
שמאָל און איינג.

אָליע־לוק־אָיע האָט ווידער א פאָך געטהאָן
מיט׳ן האנד אין דער־לופטען, און ביידע האָבען
אין איין רֶגַע בעקומען זייער פריהערדיגען וואוקס.

— נו, חַיִים׳ל, האָסטו שוין געזעהן א
מַיִיזעשע חֲתוּנָה אויך — האָט אָליע־לוק־אָיע א
טאנץ געטאָהן אויף איין פוס. וואָס ווילסטו
איצט טהאָן?

— שלאָפען... — האָט חיימ׳ל א פערטראכ־
טער געגענעצט — די מַיִיז זענען מאָרנע מענשען!
חַיִימ׳ל האָט זיך געלעגט אין בעט א צו־

פרידענער און אַ מידער, אָליע־לוק־אָיע האָט איהם א בלאָז געטאָהן אין די האָהר, פרעהליך א טאנץ געגעבען און שנעל, ווי א ווינד, פער־שוואונדען געוואָרען דורכ'ן פענסטער...

חיימ'ל איז באלד איינגעשלאָפען.

דינסטאָג.

צווישען צוריסענע שווארצע וואָלקען איז ארויסגעשוואומען א ווײַסע לְבָנָה. נישט ווײַט פון איהר האָבען געפינטעלט עטליכע גאָלדענע שטע־רענדליך.

חַיִימ'ל האָט געוואָלט געהן שלאָפען, נאָר פלוצלונג האָט ער דערפיהלט אזוי ווי א ווינד־טעל און פון באלטען איז אראָבגעפאלען אָליע־לוק־אָיע אין ברייטע ווײַסע הויזען מיט א גאָל־דענעם שטעקען אין האנד.

— דו ווייסט, חַיִימ'ל — האָט ער א קנאק

געטהאָן מיט די פינגער .— נעבען װעלדיל, װאָס
בײַ דער מיהל , װאקסט געדיכט גראָז .
א הין . צופוס װעלען מיר נישט געהן .
װעלען רײַטען אויפ׳ן װינדטעל . איך װעל דיר
װײַז ן

אָליע=לוק=אָיע האָט א חאפּ געטאָהן חַיִים׳=
לען אונטער׳ן אָרעם, ארויסגעשפּרונגען מיט איהם
דורכ׳ן פענסטער און חַיִים׳ל האָט דערפּיהלט
ביי די פיס א װייך און װארים װינדטעל, װאָס
האָט איהם לײַכט געטראָגען צום װעלדיל, נע=
בען זײַן רעכטער האנד האָט געריטען אָליע=
לוק=אָיע מיט די ברייטע פונאנדערגעבלאָזענע
הויזען .

בײַ׳ם װעלדיל האָבען זיךביידע פאמע=
ליך אראָבגעלאָזט און אנידערגעלעגט זיך אין
װײַכען און געדיכטען גראָז .

א שענע נאכט, חַיִים׳ל, — האָט אָליע=לוק=
אָיע אויסגעצויגען זײַנע לאנגע װײַסע ברייטע

הויזען אויפ'ן דונקעל־גריינעם גראָז, — און איך
וועל דיר קיין מַעֲשֶׂה'לע נישט דערציילען.
פאראַן נאָך א בעסערע זאך ווי א מַעֲשֶׂה'לע.
דער הימעל, דאָס גרינע גראָז, די שטערען...
קוק אויף זיי. קוק אויף זיי לאנג און האָב
זיי ליעב. אז דו וועסט זיי ליעב האָבען, וועסט
דיר קיינמאָל נישט זיין אומעטיג, און אז דו וועסט
זיין א גרויסער, וועסטו נישט זיין עלינד. א
שטערען וועט דיך דערפרייען, דער הימעל
וועט דיך קוויקען און די ערד וועט דיך דער־
ווארימען. ערד און הימעל דאַרף מען ליעבען
אין רעגען און אין ווינד און אין פראָסט, וואָרום
ווינד איז שיין און רעגען איז שיין און פראָסט
איז שיין. קוק, חַיִים'ל. קוק אויף די שטע־
רענדלעך, קוק אויפ'ן הימעל, האָרך זיך צו צו
דעם שאַרף פונ'ם ווייכען דרעמלענדיגען גראָז.
קוק און שווייג. און איך וועל אויך שווייגען.
דאָס ערשטע מאָל רעדט אֶליע־לוק־אָיע

אזוי הארציג און שטיל, און חַיִמ׳לען דאכט זיך, אז דער הימעל מיט די שטערען מיט׳ן גראָז הערכען זיך צו צו אֶליע־לוק־אֶיע׳ם האר־ציגען קול ...

זוענען די שטערען מיט׳ן הימעל, מיט׳ן גראָז שענער פאר די צאצקעס, פאר׳ן פער־דעלע, לְמָשָׁל?

— שענער ... — האָט איהם שטיל געזאָגט דאָס הארץ.

זיי זוענען לאנג געלעגען אין גראָז, און צוריק האָט חַיִמ׳ל ווידער געריטען אויפ׳ן ווינד.

אז ער האָט זיך געלעגט שלאָפען, האָט איהם אֶליע־לוק־אֶיע א קוש געטהאָן, און אין שלאָף האָט ער געזעהן דעם הימעל און דאָס גראָז און די שטערען.

— שענער ... — האָט ער שטיל פון שלאָף געשעפטשעט.

מיטוואָך און דאָנערשטאָג איז אֶליע־לוק־

אָיע געקומען נאָר אויף א מינוט. ער האָט בּדאַרפט געהן צו נאָך א וואוילען יונגעלע און האָט קײַן צײַט נישט געהאט

— פרײַטאָג וועל איך פון דאָס נײַ קומען צו דיר, מײַן ליעב חַיִים'ל — האָט איהם אָליע־לוק־אָיע ארומגענומען מיט די ברייטע דינע ארבּעל, און פאַרנאכט קוק דערווײַל אויפ'ן הימעל. עד קאָן דערצעהלען זעהר שעֶנע מַעֲשֶׂה'־לעך... אז דו וועסט א קוק טהאָן אויפ'ן הימעל וועסטו נישט בּענקען נאָך מיר...

אָליע־לוק־אָיע האָט א מאך געטהאָן מיט די הענד, ווי מיט ברייטע פליגלען און האָט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך ווי א פויגעל.

— מײַן ליעב חַיִים'ל! פרײַטאָג וועל איך קומען פון דאָס נײַ. איך האָב דיך ליעב. מיט א נײַ מַעֲשֶׂה'לע וועל איך קומען און דער־נאָך וועלען מיר פליהען אויף א לופט־באלאָן.

אָליע־לוק־אָיע איז אוועקגעשוואומען פּײַן

חַיִּים׳לס אויגען, ווי א לײַכטע קויל, און חַיִּים׳ל האָט זיך פערקוקט אויפ׳ן הימעל. שטיל איז געווען דער הימעל און דונקעל-בלוי און גאָלדענע שטערענדלעך האָבען זיך אין איהם געטונקט ווי בריליאנטען אין וואסער.

חיים׳לען איז געווען לײַכט אויפ׳ן הארצען. ער האָט לאנג געקוקט אויף דער הויבער בלויקײַט מיט די גאָלדענע טאנצענדיגע פײַערלעך, און אין אויער זענען איהם געשטאנען אֵליע-לוק-אָיע׳ס ווערטער.

— אז דו וועסט קוקען אויפ׳ן הימעל, וועסטו נישט בענקען נאָך מיר... שׁענע מַעֲשֶׂה׳לעך קאָן ער דערצעהלען...

נאָר פרײַטאָג איז אָליע-לוק-אָיע ווידער געקומען.